

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה״צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ״ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פנקס
תש״פ לפ״ק
גליון קכ״ב

## פראגע

### עמיצער האט מיר געזאגט אז אויב איך בין געראטעוועט געווארן פון א סכנה, זענען מיינע זכותים פארנוצט געווארן. איז עס אמת?

## ענטפער:

אויב א מענטש לייגט זיך אליינס אריין אין א סכנה, אויב ער ריזיקירט זיין לעבן, און ער איז פערצופאל געראטעוועט געווארן, זאל ער וויסן אז די גמרא זאגט אז ער האט אויפגענוצט אסאך פון זיינע מצוות. עס לוינט זיך נישט. ס'איז אסאך תפילין'ס. אסאך שמירת שבת. עס לוינט זיך זיכער נישט זיך אריינצולייגן אין א סכנה'דיגע סיטואציע. אויב דו ביזט א רויכערער און דיינע לונגען זענען געזונט, זאלסטו וויסן אז עס קאסט דיר אפ אסאך תפילין-לייגנס.

אבער, אויב עמיצער איז געווען אין א סכנה נישט צוליב זיין אייגענע שולד, און דער אויבערשטער האט אים געראטעוועט פון די סכנה, נוצט ער נישט אויף קיין זכותים – חוץ טאמער ער פארפעלט עס צו **אנערקענען**. ווען השי״ת טוט עפעס פאר אונז – נישט נאר אונז ראטעווען פון א סכנה – ווען ער גיבט דיר געזונט, ער גיבט דיר די פעאיגקייט צו נוצן דיינע אויגן, די פעאיגקייט צו גיין, צו פונקציאנירן, און דו דאנקסט אים נישט פאר יעדע איינע פון די מתנות, דאן נוצטו אויף אלע דיינע מצוות. דו דארפסט עפעס צוריקצאלן דערפאר. איז דער אויבערשטער זאגט, ״אדער דאנקסטו מיר פאר דיינע אויגן, אדער וועל איך עפעס נעמען פון דיר אנשטאט.״ איינע פון דיינע זכותים ווערט אוועקגענומען פון דיר.

מען דארף דאנקען השי״ת פאר'ן פאקט אז מען קען גיין. ״ברוך אתה ה' המכין מצעדי גבר.״ ער גרייט צו א מענטש'נס פיס-טריט. מען דארף מאכן די ברכה יעדן טאג, אבער דאס איז נישט גענוג. מען דארף טראכטן וואס מען זאגט. און מען דארף טראכטן דערוועגן אגאנצן טאג.

ווען א מענטש גייט אויף'ן גאס און ער זעט מענטשן זיצן אין ראד-שטולן און קענען נישט גיין, און ער אנערקענט נישט די גוואלדיגע בענעפיט פון גיין, די גוואלדיגע גליקליכקייט פון זיך קענען רירן, זאגט דער אויבערשטער, ״דו באצאלסט מיר נישט; איך וועל עס מוזן אפנעמען פון דיר.״ דערפאר, אויב א מענטש דאנקט השי״ת אויף וואס ער באקומט, וועט ער נישט דארפן געצווינגען ווערן צו באצאלן אויף אנדערע וועגן. און דאס איז די גוואלדיגע וויכטיגקייט פון דאנקען – אז נישט איז מען אין חובות. זייער טיפע חובות. (#776)

## פראגע

### זאלן ישיבה בחורים גיין צו די סאטמארער דעמאנסטראציעס?

## ענטפער:

די סאטמארער דעמאנסטראציעס זאל ווערן געשטיצט אויף אלע אופנים. זאלסט אבער פרעגן דיין פערזענליכע רבי אדער ראש ישיבה אויב ער ערלויבט דיר אוועקצוגיין פון בית המדרש. אבער חוץ דעם, אויב ער איז נישט דערקעגן בנוגע די סדרים פון ישיבה, אודאי זאל יעדער אנטיילנעמען וויל עס איז שרעקליך וואס עס גייט פאר אין ארץ ישראל.

ממש יעצט האבן זיי אריינגעברענגט טויזנט פערסישע בחורים וואס האבן געדארפט אנקומען צו ליובאוויטשער אינסטיטוציעס. טויזנט פערסישע קינדער וואס זענען געווען אנגעגרייט צו באקומען אן ארטאדאקסישער חינוך און אנשטאט האבן זיי איבערגעגעבן די קינדער צו די ״השומר הצעיר״; דאס מיינט די סאמע ערגסטע – צו די

קאמוניסטישע, אפיקורסישע איזראעלישע אינסטיטוציעס. דאס מיינט אז זיי נעמען ארויס זייער אידיש הארץ. זיי לייגן אינגלעך אין מיידלעך אין איין שטוב – דאס איז דער סיסטעם פון די שומר הצעיר. און ס'איז נישט דא דארט קיין שבת און קיין כשרות.

אט די שרעקליכע סצענעס זענען שוין מיטגעהאלטן געווען אויך אין די פריערדיגע יארן. אבער יעצט איז געעפנט געווארן א נייע קוואל פון קאסטומערס פאר די **רוחניות'דיגע אוישוויץ**; יעצט איז עס פערסיע וואס שטעלט צו אידן פאר די קרעמעטאריומס פון די אטעאיסטישע, מארקסיסטישע, איזראעלישע אינסטיטוציעס.

דאס איז איין זאך.

און נאך א גרויסער סקאנדאל וואס קומט יעצט פאר איז אז זיי האבן יונגע ארכעאלאגן וואס גיין אויף רייזעס און האלטן זיך אונטער מיט'ן ארויסגראבן די ביינער פון די תנאים און אמוראים, די אלטע חכמים וואס זענען באערדיגט אין ארץ ישראל. די פארהייליגטע קברים, וואס אפילו צו קומען נאנט צו זיי איז ביז היינט פאררעכנט געווארן אלס א זכיה, און יעצט גראבן זיי ארויס די ביינער פון זיי. אסאך פון די ביינער ווערן ארויסגעשיקט פון ארץ ישראל צו לאבאראטאריעס פאר צייט-רעכענונגען און אנדערע אונטערזיכונגען און זיי קומען קיינמאל נישט צוריק. איז די הייליגע חכמים, וועלכע זענען זוכה צו ליגן באערדיגט אינעם הייליג לאנד, ווערן יעצט ארויסגעשלעפט פון זייערע קברים און צעשפרייט איבער דער וועלט. און אפילו אין ארץ ישראל זענען זיי אויסגעשטעלט צו כעמישע אונטערזיכונגען. און דאן ווערן זייערע ביינער אריינגעלייגט אין מיסט זעקלעך; און אריינגעלייגט אין מיסט קאסטנס. ס'איז א שוידערליכע פארשווערונג!

א מוסולמענער וואלט קיינמאל נישט געטשעפעט אלטע אידישע קברים. היינטיגע אידישע קברים, יא, אבער אמאליגע אידישע בתי חיים וואלטן זיי נישט געטשעפעט. אבער צו די "אידישע" ארכעאלאגן, די איזראעלישע ארכעאלאגן, איז נישט דא אזא זאך ווי יראת הכבוד. זיי גלייבן נישט אין באשעפער, זיי זענען אלע כופרים, און זיי ווילן זיך נישט צוהערן צו אונז. און די רעגירונג שטיצט זיי. די רעגירונג איז פולקאם הינטער זיי! אויב סיי-וועלכער ארטאדאקסישער איד פרובירט צו פראטעסטירן, ווערט ער ארעסטירט – איך האב געזען היינט א בילד פון א פראטאקאל צו ארעסטירן עמיצן וואס האט געמאכט א פראטעסט קעגן דעם.

וועגן דעם, יעדער איינער וואס קען ארויסהעלפן מיט'ן גיין צו די דעמאנסטראציע, זאל ער אודאי עס טון. די אידן אין ארץ ישראל קענען נישט פראטעסטירן ווייל די פאליציי קומען מיט זייערע שטעקענעס און זיי ברעכן קעפ. מענטשן ווילן עס נישט; די פאליציי אין ארץ ישראל זענען נישט אזוי גוט ווי די פאליציי אין בארא פארק. פאליציי אין בארא פארק זענען מלאכים אין פארגלייך צו די איזראעלישע פאליציי. און די איזראעלישע פאליציי האבן אנווייזונגען – צו צעברעכן זייערע שטעקענס ספעציעל אויף ארטאדאקסישע קעפ. אידן קומען אן אין שפיטאל פאר'ן פראטעסטירן – זיי טוען גארנישט אבער זייערע קעפ ווערן צעבראכן דורך די פאליציי שטעקענעס. מענטשן ווייסן עס נישט אין אמעריקע. און די אמעריקאנער, אידישע צייטונגען מעלדן עס נישט ווייל זיי זענען אלע פארבינדן – זיי באקומען גרויסע פאנדן פון די UJA – די אידישע נאציאנאלע פאנד און ס'איז נישט גוט פאר ביזנעס צו פארעפנטליכן די זאכן.

אבער מיר דארפן לאזן די וועלט וויסן אז מיר ווייסן וואס עס קומט פאר און דערפאר פראטעסטירן מיר. אודאי אויב איר קענט שיקן בריוו פון דא, פראטעסט-בריוו, זאלט איר עס זיכער טון. און וועגן דעם זאג איך, אז יעדער וואס קען זאל גיין. (#259 – אפריל תשל"ט)

## פראגע

## איז אויסגעהאלטן די באנגעלאו סארט וואקאציע, וואו די ווייב זעהט איר מאן נאר אויף שבת?

## ענטפער:

דער ענטפער איז, אויב איז עס א תועלת פאר די קינדער, דאן איז עס אויסגעהאלטן. ווייל "ואת עמלינו: אלו הבנים" – אלע אונזער ארבעט איז פאר אונזערע קינדער. אויב די קינדער אין די באנגעלאו קענען האבן א בעסערע סביבה ווי אין דער שטאט, אויב קענען זיי האבן דארט זייער א גוטע רבי, און זייער גוטע חברים אדער חבר'טעס, איז עס ווערד.

די איינציגסטע זאך צו קוקן איז וויפיל רוחניות וועלן די קינדער קונה זיין. און אויף דעם באזיס איז די סארט הנהגה בארעכטיגט (#517)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב